**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/17/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער HOCHUL גיבט ארויס פראקלאמאציע דעקלערנדיג יאנואר אלס חודש פון אויפמערקזאמקייט איבער נאכלאקערן און יאנואר 18 אלס טאג פון שריט פאר אויפמערקזאמקייט איבער נאכלאקערן

***פאראדנט סטעיט'ס צענטראלע סטרוקטורן צו באלאכטן ווערן אין געל מארגן, יאנואר 18, צו באעהרן קורבנות און איבערלעבער***

***פראקלאמאציע קומט באלד נאכדעם וואס גאווערנער האקול האט אונטערגעשריבן געזעץ צו פארשטערקערן שוץ מאסנאמען קעגן לאקערער פון קורבנות און איבערלעבער פון אביוז אין די משפחה***

***סאָושעל מידיע אויפמערקזאמקייט קאמפיין דורכאויס דעם חודש איז קאנצענטרירט אויף נאכלאקערן נוצנדיג טעכנאלאגיע און 'סייבער' נאכלאקערן***

***לייענט פראקלאמאציע איף [די גאווערנער'ס וועבזייטל](#)***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנערקענט יאנואר אלס דער חודש פון אויפמערקזאמקייט איבער נאכלאקערן ('סטאָלקינג') און יאנואר 18 אלס טאג פון שריט פאר אויפמערקזאמקייט איבער נאכלאקערן אין ניו יארק סטעיט, ארויסגעבנדיג א פראקלאמאציע און פאראדנענדיג אז אלע סטעיט'ס צענטראלע סטרוקטורן זאלן באלאכטן ווערן אין געל מארגן, יאנואר 18, אין עהרע פון די וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך נאכלאקערן און אלע פארעמעס פון דזשענדער-באזירטע געוואלדטאטן.

לעצטער חודש האט גאווערנער Hochul (האקול) אריינגעשריבן ביל A09616/S09174 אין געזעץ. דער נייער געזעץ שטעלט צו נאך שוץ מאסנאמען פאר קורבנות און איבערלעבער פון אביוז אין די משפחה דורכן ערמעגליכן צו וועקנעמען די צוטריט פון א מענטש וואס איז באגאנגען אביוז צו קאר נאכפאלגונג טעכנאלאגיע. גאווערנער Hochul (האקול) שטרייכט אונטער איר אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו שטיצן איבערלעבער פון אביוז אין די משפחה און צו פארשטערקערן די זיכערהייט פון די פובליקום.

"צוריק אין די 1970'ער, זענען שמועסן איבער אביוז אין די משפחה געווען זעלטן. אינספירירט דורך מיין מאמע'ס שתדלנות, בין איך פארפליכטעט צו אייפנירן געזעצן וועלכע באשיצן די וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך אביוז", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "אנגעהויבן פון נייע געזעצן וועלכע באשיצן קורבנות פון אביוז אין די משפחה ביזן שיינען א ליכט אויף די סכנות פון נאכלאקערן נוצנדיג טעכנאלאגיע — טוהען מיר אונטערנעמען שריט צו מאכן ניו יארק פאר א זיכערערע פלאץ פאר יעדן. אזוי ווי מיר באלייכטן אונזערע צענטראלע סטרוקטורן אין געל מארגן, לאמיר געדענקן אז יעדע ליכט

פארטרעט די שטארקייט פון אן איבערלעבער, און צוזאמען רוקן מיר זיך נאענטער צו א צוקונפט וואו געוואלדטאטן האבן נישט קיין פלאץ אין אונזערע קאמיוניטיס."

אין אנערקענונג פון דעם חודש פון אויפמערקזאמקייט איבער נאכלאקערן, האלט די ניו יארק סטעיט אפיס פאר די פארמיידונג פון משפחה אביוז ( Office for the Prevention of Domestic Violence, OPDV) אפ א חודש פון אויפמערקזאמקייט איבער נאכלאקערן סאָושעל מידיע קאמפיין אריבער די אגענטור'ס סאָושעל מידיע פלאטפארמעס. די היי-יאריגע קאנצענטראציע איז אויף נאכלאקערן נוצנדיג טעכנאלאגיע און 'סייבער' נאכלאקערן. דאס קען אריינרעכענען, צווישן אנדערע, די באנוץ מיט נאכפאלגונג אפאראטן, לאקאציע מיטטיילונג, סאָושעל מידיע נאכפאלגונג און רדיפה. באזוכט די OPDV'ס [Facebook](), [X (וואס פלעגט הייסן Twitter)](), [Instagram]() און [LinkedIn]() בלעטער פאר מער אינפארמאציע איבער נאכלאקערן און וואו צו טרעפן הילפס-מיטלען.

די היינטיגע אנאנסירונג צייכנט אפ נאך א וויכטיגע טריט אין גאווערנער Hochul (האקול)'ס ברייטערע פובליק זיכערהייט אגענדע, אזוי ווי לעצטע יאר האט זי [אונטערגעשריבן א ביל צו אויסברייטערן שוץ מאסנאמען פאר קורבנות פון אביוז אין די משפחה]() סיי אין קרימינאלע געריכט און סיי אין פאמיליע געריכט. דער געזעץ ברייטערט אויס די מעגליכקייט צו ארויסבאקומען שוץ באפעלן (ארדער אָוו פּראטעקשען) און צו אריינגעבן פאמיליע פארברעכן פעטיציעס פאר אלע פאמיליע און הויזגעזונד מיטגלידער, אנערקענענדיג אז אביוז אין די משפחה ווירקט נישט נאר אויף דעם מענטש וואס איז – אדער איז געווען – אין אן אינטימע קשר (מאן און ווייב א.ד.ג.) מיט דעם אביוזער. די ביל, אונטערגעשריבן אויף דעם אינטערנאציאנאלן טאג פאר די אויסראטונג פון געוואלדטאטן קעגן פרויען, פארשטערקערט די באמיאונגען צו האלטן אלע ניו יארקער זיכער פון אביוז אין די משפחה. גערופן מעלאני'ס געזעץ (Melanie’s Law), אין אנדענק פון Melanie Chianese (מעלאני טשיאניז) וועלכע איז טראגיש דערהרג'עט געווארן דורך איר מאמע'ס געוועזענע פּארטנער — ציהלט דער געזעץ צו באשיצן די נאענטע פון קורבנות, אזוי ווי אביוזערס ציהלן אפט באליבטע כדי צו אנהאלטן קאנטראל.

**אפיס פאר די פארמיידונג פון משפחה אביוז עקזעקיוטיוו דירעקטארין, Kelli Owens (קעלי אָווענס), האט געזאגט,** "טעכנאלאגיע האט געברענגט מיט זיך פילע נייע וועגן פאר מענטשן וועלכע טוהען ווי צו אנווענדן כוח און קאנטראל איבער זייערע קורבנות. עס האט גענומען פילע פארעמעס פון דזשענדער-באזירטע געוואלדטאטן, אריינרעכענענדיג נאכלאקערן, אריין אין א ווירטועלע וועלט וואס טוישט זיך כסדר און שטעלט ערנסטע דראאונגען צו די געזונטהייט און וואוילזיין פון איבערלעבער איבעראל. די OPDV איז פארפליכטעט צו ציהען אויפמערקזאמקייט און ארבעטן מיט פּראָווײַדערס אריבער די סטעיט צו העלפן אמבעסטן באדינען איבערלעבער אויף א וועג וואס לייגט די איבערלעבער און צענטער, רעכנט זיך מיט טראומע און פאסט זיך צו קולטוריש, אזוי ווי זיי גייען אריבער די דיגיטאלע דראאונגען. א דאנק אייך, גאווערנער האקול, פארן אנערקענען די וויכטיגקייט פון דעם חודש און פארן שטיין מיט ניו יארקע איבערלעבער."

**דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס (Division of Criminal Justice Services, DCJS) קאמישאנער, Rossana Rosado (ראָסאנא ראָסאַדאָ), האט געזאגט,** "מיר ווייסן אז נאכלאקערן איז א באדייטנדע עלעמענט וואס פארגרעסערט די סכנה פון מארד אין פעלער פון אביוז אין די משפחה. די DCJS ארבעט שווער צו זיכער מאכן אז געזעץ אינפארסירונג און אנדערע פארמישטע קערפערשאפטן זענען באקאנט מיט די עלעמענטן ווי נאכלאקערן וואס ווערן גענוצט אין אפשאצונגען פון די סכנה פון טויטליכקייט, א זאך וואס קען העלפן אויספארעמען רעאקציעס צו פארמיידן די טראגעדיעס. עס איז אויך קריטיש-וויכטיג אז מיר זאלן אדרעסירן די וועג וויאזוי טעכנאלאגיע ווערט אפט גענוצט צו טרעפן די לאקאציע פון קורבנות פון אביוז אין די משפחה און צו ארויסהעלפן צו נאכלאקערן נאך זיי. מיר באדאנקען גאווערנער Hochul (האקול), די OPDV און אונזערע געזעץ אינפארסירונג שותפים פארן אנערקענען און זיך אפרופן צו די סכנות."

**אפיס פון קורבנות סערוויסעס (Office of Victim Services, OVS) עקזעקיוטיוו דירעקטארין, Bea Hanson (ביע הענסאן), האט געזאגט,** "מיר זענען שטאלץ צו ארבעטן בשותפות מיט די OPDV און אנדערע רעגירונג און פריוואטע פארמישטע קערפערשאפטן צו ציהען אויפמערקזאמקייט צו די נושא פון נאכלאקערן — אן ערנסטע פארברעכן וואס באווירקט קורבנות און איבערלעבער פון זייער געפיהל פון זיכערהייט און וואוילזיין. אונזערע איינגעשטעלטע ביי די OVS ארבעטן שווער צו זיכער מאכן אז קורבנות פון פארברעכן, אריינרעכענענדיג נאכלאקערן, ווערן געשטיצט און אז זיי האבן די הילפס-מיטלען וואס זיי דארפן צו צוריקבאקומען די געפיהל פון זיכערהייט און זיך היילן. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול)'ס פירערשאפט אויף די נושא, און מיר מוטיגן קורבנות און איבערלעבער זיך צו פארבינדן מיט OVS-פינאנצירטע פראָווײַדערס צו באקומען די הילף וואס קומט זיך זיי און צו אויסנוצן די OPDV'ס הילפס-מיטלען און טיפס צו פארמיידן אביוזערס פון אויסנוצן טעכנאלאגיע כדי צו פאראורזאכן שאדן."

**סטעיט סענאטאר Andrew Gounardes (ענדרו גונאַרדעס) האט געזאגט,** "טעכנאלאגיע האט טראנספארמירט אונזערע לעבנס, און אונזערע געזעצן צו באשיצן איבערלעבער פון רדיפה און אביוז דארפן נאכיאגן מיט די עפאכע פון 'סייבער' נאכלאקערן, סעקסועלע מאטעריאלן אלס נקמה, פארשפרייטן פריוואטע אינפארמאציע און פאלשע בילדער געמאכט דורך פארגעשריטענע טעכנאלאגיע. איבערלעבער דארפן – און עס קומט זיך זיי – פלעצער וואו זיי קענען פילן זיכער. די לעצטע זאך איבער וואס זיי זאלן זיך זארגן איז איבער די – צו רעדן אפן – שוידער ערוועקנדע געדאנק אז אפילו זייער אייגענע קאר קען ווערן א כלי פאר זייער אביוזער זיי צו נאכלאקערן און רודפ'ן. מיין ביל נעמט א פשוט'ע און שכל'דיגע טירט צו זיכער מאכן אז אביוזערס קענען נישט אויסנוצן די טעכנאלאגיע צו ווייטוהן מענטשן. איך בין דאנקבאר פאר די גאווערנער פארן אריינשרייבן די וויכטיגע פארשלאג אין געזעץ און פאר איר איבערגעגעבנקייט צו שטיצן איבערלעבער."

**אסעמבלי מיטגלידערין Linda B. Rosenthal (לינדע ב. ראזענטאל) האט געזאגט,** "אלס א לאנגיאריגע שתדלן'טע פאר נאך שוץ פאר איבערלעבער פון אביוז אין די משפחה, בין איך געווען באגייסטערט ביז גאר אז גאווערנער Hochul (האקול) האט אריינגעשריבן מיין ביל אין געזעץ לעצטער חודש צו האלטן איבערלעבער זיכער פון נאכפאלגונג אפאראטן וואס ווערן אפט אינסטאלירט אין זייערע קארן. דורכאויס דעם חודש פון אויפמערקזאמקייט איבער נאכלאקערן ווערן מיר ספעציעל דערמאנט אז אביוזערס זענען אפט איין טריט פון פאראויס פון אונזערע געזעצן, מאכנדיג דאס וויכטיגער פון סיי ווען בעפאר אז מיר זאלן נאכיאגן מיט נייע ארויסשטייגנדע אנטוויקלונגען און טעכנאלאגיעס. אביוז איבערלעבער מוזן שוין סיי ווי אונטערנעמען אסאך מיהען צו היטן אויף זייער זיכערהייט, און אונטער מיין נייער געזעץ, וועלן זיי מער נישט דארפן זיך בעטן ביי קאר מעניופעקטשורערס צו אויסלעשן די פיטשעווקעס וואס שטעלן זיי איין אין סכנה."

**סענאטארשע Michelle Hinchey (מישעל הינטשי) האט געזאגט,** "נאכלאקערן איז אן ערנסטע פארברעך מיט לאנג-בלייבנדע השפעות אויף קורבנות, אפט איבערדרייענדיג טאג-טעגליכע לעבן צו א כסדר'דיגע מקור פון שרעק און אומזיכערהייט. דאס אנערקענען יאנואר אלס דער חודש פון אויפמערקזאמקייט איבער נאכלאקערן שיקט א שטארקע מעסעדזש פון סאלידאריטעט מיט איבערלעבער פון אביוז אין די משפחה אריבער ניו יארק בשעת'ן דאס קלאר מאכן אז די פארעם פון אביוז וועט נישט טאלערירט ווערן. איך בין שטאלץ צו ספּאנסארן מעלאני'ס געזעץ און צו שטיצן מאסנאמען ווי סענאטאר Gounardes (גונאַרדעס)'ס ניי אונטערגעשריבענער געזעץ וואס ברייטערט אויס שוץ מאסנאמען קעגן נאכלאקערן זיך באנוצנדיג מיט טעכנאלאגיע — א קריטישע טריט צו אדרעסירן די פארעם פון אביוז. מיר וועלן פארזעצן צו שתדל'ן פאר די זיכערהייט און כבוד פון איבערלעבער פון אביוז אין די משפחה און זייערע פאמיליעס, און איך באדאנק גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר צוזאמענארבעט אין די ארבעט."

**אסעמבלי מיטגליד Brian Cunningham (ברייען קאַנינגעהעם) האט געזאגט,** "אין לויף פון די לעצטע יאר, האט גאווערנער Hochul (האקול), בשותפות מיט די סטעיט לעגיסלאטור, פארגעזעצט צו גיבן פריאריטעט פאר די עמאציאנאלע און פיזישע וואוילזיין, און אזוי אויך די לעגאלע און מענטשן רעכטן, פון איבערלעבער פון אביוּז אין די משפחה. די פארשריט וואס מיר האבן געמאכט אלס א שטאט, סטעיט און לאנד זעהט זיך אן אין די גאווערנער'ס דעזיגנירונג פון יאנואר אלס חודש פון אויפמערקזאמקייט איבער נאכלאקערן. די דעקלעראציע טוט נישט נאר ארויסהייבן די טיפע ערפארונגען פון די וועלכע זענען באטראפן געווארן פון נאכלאקערן און דזשענדער-באזירטע געוואלדטאטן, נאר עס ציהט קריטישע אויפמערקזאמקייט און שעפערישע לייזונגען צו פארמיידן צוקונפטיגע פארברעכער פון פאראורזאכן שאדן."

די ניו יארק סטעיט אפיס פאר די פארמיידונג פון משפחה אביוּז איז די לאנד'ס איינציגסטע קאבינעט-שטאפל עקזעקיוטיוו סטעיט אגענטור געווידמעט צו די אנגעלעגנהייט פון דזשענדער-באזירטע געוואלדטאטן. די סטעיט'ס משפחה און סעקסועלע אביוּז האַטליין איז אפן 24/7: 800-942-6906 (רופט), 844-997-2121 (טעקסט) אדער @opdv.ny.gov (שרייבט זיך דורך די אינטערנעט).

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן